**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט דער פארענדיגונג פון 6.9 מיליאן דאלערדיגע רעהאביליטירונג פראיעקט אויף ניו יארק ראוט 5 אין ערי קאונטי**

***רעהאביליטירונג פראיעקט פארשטערקערט העכסט-נויטיגע קארידאר צו דאונטאון באפעלאו וואס סערווירט צווישן 20,000 און 45,000 וויהיקלס טעגליך***

**בילדער צו באקומען [דא](#)**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון א 6.9 מיליאן דאלערדיגע אפהאלט מעינטענענס פראיעקט אויף סטעיט ראוט 5 פון ביג-טרי ראוד צו קעין סטריט אין דעם טאון אָוו האמבורג און דער שטאט לאקאוואנא אין ערי קאונטי. דער פראיעקט פארשטערקערט די באוועגיגקייט און טראפיק זיכערהייט אויף דער העכסט-נויטיגער קארידאר פאר מאטאריסטן און פוסגייער צוגלייך.

"מיר אינוועסטירן אין דורכפאל-אויסמייד מיטלען און ארבעטן מיט קאמיוניטיס צו שאפן באפעסטיגטע שאסייען פאר צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער צו העלפן פארזיכערן אז ראיאנישע עקאנאמיעס האבן פארלעסליכע אינפראסטרוקטור וואס שטיצט זיכערע און צוגענגליכע רייזן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דער רעהאביליטירונג פראיעקט טוהט נישט נאר פארשטערקערן באוועגיגקייט און זיכערהייט, נאר עס מאכט אויך זיכער אז פלעצער ווי האמבורג און לאקאוואנא קענען בלייבן עקאנאמיש פארמעסטעריש בשעת מיר זעצן פאר ווייטער צו באקעמפן די פלאגענישן פון דער פאנדעמיע און פארשטערקערן אונזער אינפראסטרוקטור און עקאנאמיע פאר'ן צוקונפט."

פוסגייער זיכערהייט איז געווען א פריאריטעט לענגאויס דער פיל-גערייזטער קארידאר. נייע קורב און ווילטשעיר ראמפעס זענען געבויט געווארן אין איינפאלג מיט די סטאנדארטן פון דער 'אַמעריקענס וויט דיסאַביליטיס אַקט'. פוסגייער סיגנאל איינריכטונגען איז געווארן אפגרעיד'עד מיט מאדערנע פוסגייער דרוק-קנעפלעך און קאונטדאון-זייגערס וואס וועלן ווארענען פוסגייער ווען זיי קענען ערווארטן אז דער טראפיק סיגנאל וועט זיך טוישן.

דער פראיעקט האט ארייגענומען רעהאביליטירן די איבערפלאך אויף סטעיט ראוט 5 דורך אפקראצן די עקזיסטירנדע איבערפלאך, און געמאכט נויטיגע פאררעכטונגען און איבערלייגונגען צו געבן א נייע אויסניע איבערפלאך וואס וועט פארלענגערן דער באניציגע לעבן פון דער הייוועי. דער קאסט-גינציגע באהאנדלונג וועט געבן אן איבערפלאך פלאנירונג לעבן פון פינף יאר. אויספלאסטערונג ארבעט האלט ניו יארק'ס הייוועיס אין א גוט אויפגעראכטענע צושטאנד, און דער אינוועסטירונג וועט אפהאלטן דער נויט פאר טייערערע און טיפערע פאררעכטונגען אין דער צוקונפט.

ניי איבערפלאך צייכנס, טראפיק שילדן און סיגנאלן זענען אינסטאלירט געווארן אויף סטעיט ראוט 5 אינערהאלב דער פראיעקט גרעניצן.

א 2,300 פיס לאנגער טייל פון וואסער-ליניע אויף סטעיט ראוט 5, באזיצט דורך דער ער וואסער

אויטאריטעט, איז אויך ערזעצט געווארן דורך א מוניציפאלע פארבעסערן אפמאך אונטער דעם פראיעקט, צו פארבעסערן די פונקציע און פארלעסליכקייט פון דעם סיסטעם.

"טראנספארטאציע פארבעסערונגען, ווי דער רעהאביליטירונג פון ראוט 5, זענען קריטיש-וויכטיג צו שטיצן צוטריט צו ביזנעסער און מסחר פאר אלע מיטגלידער פון די קאמיוניטיס וועלכע מיר דינען," **האט געזאגט ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטעישען קאמישענער מארי טערעסע דאמינגעז.** "די פארבעסערונגען צו דער קארידאר זענען א שיינענדע ביישפיל פון וויאזוי DOT מאכט קריטיש-וויכטיגע אינוועסטירונגען אין אונזערע הייוועיס און אין דער זעלבער צייט אויך פארבעסערן די פארלעסליכקייט פון אונזער טראנספארטאציע סיסטעם פאר מאטאריסטן, פוסגייער, און ביציקליסטן."

**סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** "דער פארענדיגונג פון דער פראיעקט איז גוטע נייעס פאר די טויזנטע קאָמיוטערס וואס רייזן דער שטרעקע פון ראוט 5 צווישן דאונטאון באפעלאו און דער סאוט-טאונס יעדן טאג. דער 6.9 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונגען האט פינאנצירט וויכטיגע מאסנאמען צו פארגרינגערן טראפיק און פארבעסערן זיכערהייט פאר דרייווערס און פוסגייער צוגלייך. מיין דאנקבארשאפט צו די פילע קאנסטרוקציע ארבעטער וועמענס באמיאונגען זענען העכסט-נייטיג צו פארענדיגן דעם פראיעקט לויט'ן צייטפלאן."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן די. ריווערע האט געזאגט,** "אויסהאלטן געזונטע אינפראסטרוקטור איז א הויפט צייכן פון א ראיאן'ס פארשריט פעאיגקייטן. די קריטיש-וויכטיגע ראוד-ארבעט אויף א העכסט-נייטיגע וויהיקל ארטעריע צווישן דער שטאט באפעלאו און די סאוט-טאונס איז ווידער נאך א צייכן פון דער האקול אדמיניסטראציע'ס פארשטאנד פון גוטע רעגירונגשאפט און די געברויכן פון אונזער סטעיט'ס איינוואוינער."

פאר עכט-צייטיגע רייזע אינפארמאציע, רופט 511, באזוכט www.511NY.org, אדער לאג'ט אריין אין דעם נייעם מאביל וועבזייטל אויף http://m.511ny.org/. NY511 טוהט אנבאטן אומזיסטע 24/7 סטעיט-ברייטע עכט-צייטיגע טראפיק און טראנזיט אינפארמאציע פאר'ן גאנצן ניו יארק סטעיט.

פאלגט נאך ניו יארק סטעיט DOT אויף טוויטער: @NYSDOT און @NYSDOTBuffalo. באזוכט אונז אויף פעיסבוק ביי facebook.com/NYSDOT.

###